STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04509

HESHBN-HA-NEFESH ODER FARTSVEYFLUNG?

E. Mus

*Permanent preservation of this book was made possible
by Daniel & Mildred Forsythe
in memory of
Miriam Schwartz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ע. מוס

חשבון־הנפש אָדער פאַרצווייפלונג?

פאַרלאַג
בונדישער קלוב
ניו יאָרק
דעצעמבער, 1940

נומער 10
פרייז 15 סענט

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:

B U N D - C L U B
175 East Broadway, New York City
Room 401

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

אינהאַלט

פאָרוואָרט 5

קאַפּיטל 1:

אַ יאָר מיליטערישע נצחונות פון פאַשיזם 7

קאַפּיטל 2:

צו איז די פאַשיסטישע ווירטשאפט מער פראָדוקטיוו? 10

קאַפּיטל 3:

מען דאַרף באַרעכענען אויך די הוצאות 15

קאַפּיטל 4:

וועלכע ווירטשאַפט איז פּראָגרעסיוו? 20

קאַפּיטל 5:

פאַשיסטישער גייסט און פאַשיסטישע מאָראַל 25

קאַפּיטל 6:

רענעגאַטן און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג 29

דעקלאַראַציעס

פון דער אונטערערדישער יידישער ארבעטער־באַוועגונג
אין פוילן

„בונד" און „צוקונפט"

בראָשור נומער 9 פרייז 5 סענט

ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג בונדישער קלוב, ניו־יאָרק

●

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

MEDEM COMMITTEE
175 East Broadway
New York, N. Y.

פאָרוואָרט

די פאַשיסטישע נצחונות אין דעם ערשטן יאָר מלחמה האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף דער וועלט. היטלערס בליץ־קריג האָט אין פארלויף פון 10 חדשים גובר געווען פוילן, נאָרוועגיע, דענמארק, האָלאנד, בעלגיע און צולעצט פראנקרייך. ווער ווייסט, האָט מען אָנגעהויבן מיט פחד טראכטן, אפשר וועט דער פאַשיזם די גאַנצע וועלט דעראָבערן? אפשר האָט דער פאַשיזם עפּעס איבערמעכטיקע פארבאָרגענע כוחות וואָס מ׳האָט ביז איצט ניט אָפּגעשאצט?

די פארצווייפלונג האָט אויך ארומגעכאפּט טיילן פון אונזער סאָציאַליסטישער וועלט. פּנים אל פּנים מיט די מיליטערישע זיגן פון פאַשיזם האָבן מאנכע סאָציאליסטן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער גלייכגעוויכט: צי זענען ניט די פאַשיסטישע נצחונות א באַווייז אז עפּעס איז ניט אין ארדנונג מיט אונזער טעאָריע און פּראַקטיק? צי דאַרף מען ניט רעווידירן אונזער גאנצן וועלט־באַנעם? מ׳האָט פאַרגעסן אז דאָ גייט עס בלויז אין מיליטערישע נצחונות, פון וועלכע קיינער קען ניט וויסן צי זיי האָבן א דויערנדיקן ווערט. סוף כל סוף האָט דאָך דער פאַשיזם די מלחמה נאָך ניט געוואונען. טאָ ווי אזוי קען מען, אין אָט דער פאריבער־גייענדיקער היסטערישער סיטואציע זיך פארנעמען מיט רעוויזיעס?

וואָס מען קען און מען דארף אין איצטיקן מאָמענט טאָן, איז אָביעקטיוו, אַנאַליזירן דיווירטשאפט פון די פאַשיסטישע לענדער. וואָס האָט דער פאַשיזם מחדש געווען? צי האָט ער באשאפן פּאָטענ־ציעלע גרעסערע פּראָדוקטיווע כוחות? וואו שטעקט באמת דער סוד פון די פאַשיסטישע נצחונות? אָט דאָס זענען פראגן מיט וועלכע די פאָרליגנדיקע בראָשור באשעפטיקט זיך.

אויבנאויפיק קען זיך אויסדוכטן אז די אויבנדערמאָנטע פראַגן זענען ניט וויכטיק פאר דעם אידישן פאָלקס־מענטש, וועלכער האָסט דאָך דעם פאַשיזם, אומאפהענגיק פון דעם כאַראַקטער פון דער פאַ־שיסטישער ווירטשאפט. טאָ צוליב וואָס דארף זיך מיט דידאָזיקע פראַגן פארנעמען א אידישע סאָציאליסטישע בראָשור?

עס איז אָבער א פאקט, אז דער זעלבער יאוש וואָס באהערשט מאנכע סאָציאליסטן, מחמת דעם וואָס זיי איבערשאצן די פאַשיסטישע כוחות, ווירקט אויך אויף דעם אידישן פאָלקס־מענטש. מ'ווערט עפּעס אָפּהענגיק. עס סטייען קוים כוחות צו שעלטן היטלערן. עס פעלט די איבערצייגונג, אז דער פאַשיזם איז טראַץ זיינע נצחונות, א באווע־גונג, וואָס גרייט צו זיין אייגענעם סוף. חבר ע. מוס בראָשור העלפט באדייטנדיק שטארקן אזא איבערצייגונג. דאָס מאכט די בראָשור באזונדערס אקטועל.

בונדישער קלוב אין ניו־יאָרק

קאַפּיטל I

א יאָר מיליטערישע נצחונות פון פאַשיזם

אַ יאָר איז פאַרביי זינט דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. אַ יאָר פון כסדרדיקע מפּלות פון די דעמאָקראַטישע לענדער. א יאָר פון כסדרדיקע מיליטערישע נצחונות פון היטלער־דייטשלאַנד.

נאָך דער מיליטערישער פאַרניכטונג פון פראַנקרייך האָט די וועלט באַקומען אן אנדער פּנים. פון דער רייכער און זאַטער דעמאָקראַטישער אייראָפּע איז ווייניק וואָס פאַרבליבן. בלויז ענגלאַנד פירט ווייטער דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן אָנגרייפער. אמת, אין לאָנדאָן געפינען זיך היינט אַ טוץ, אדער מערער, רעגירונגען פון די באַזיגטע און אָקופּירטע אייראָפּעאישע פעלקער. אַבער וואָס איז די ווערט, וואָס איז די ממשות פון די דאָזיקע נע־ונד־רעגירונגען, היינט די איינציקע פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד? דער באַקאַנטער ראש־המדברים פון פאַשיזם, דער איטאַליענישער זשורנאַליסט גיידא, האָט מיט איניקע וואָכן צוריק געשריבן וועגן זיי, אַז די ענגלישע לאָרדן פאַרמאָגן, שוין נישט פון היינט אָן, די אומשולדיקע טבע צו זאַמלען און קאָלעקציאָנירן דאָס אַלטע ברוכווארג פון אייראָפּע... די פאַרמעסטונג צווישן דעם פאַשיסטישן און ענגלישן לופט־פלאָט וועט באַשטימען וויפיל אמת איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן גראָביונגערישן „וויץ" פון אויפגעקומענעם פאַשיסטישן גביר. דערווייל אָבער איז היטלער בלי־ספק דער באַלעבאָס פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט. דערווייל אָבער ליגט אייראָפּע, א פאַרבלוטיקטע, א רואינירטע, אַ פאַרשפּיגענע און אַ פאַרגוואַלטיקטע, אונטער דעם שטיוול פון פאַשיזם. די דעמאָקראַטישע אייראָפּע עקזיסטירט נישט מער... אונטער די חורבות פון דעם איינגעפאַלענעם דעמאָקראַטישן בנין ליגט אונזער אייגענע, סאָציאַליסטישע וועלט. אויף ווי לאַנג?

אונזערע שונאים האַלטן, אַז לעולם־ועד. אָבער אויך א סך פון אונזערע אייגענע קומען היינט צו פּעסימיסטישע אויספירונגען. ס'ווערט בפירוש אַ מאָדע צו זיין וואָס מער קריטיש בנוגע דער

אייגענער פאַרגאַנגענהייט און פעסימיסטיש בנוגע דער אייגענער צוקונפט. וואָס מער איינער קריטיקירט און באַרעדט זיין אייגענעם סאָציאַליסטישן נעכטן, אַלץ פאַר א „גרעסערן" רעוואָלוציאָנער וואקסט ער אויס אין זיינע אייגענע אויגן. ס׳ווערט שוין באַלד פשוט נישט אנשטענדיק נישט מיטצוזינגען אין דעם דאָזיקן, אויב נישט האַר־מאָנישן איז אַלנפאַלס שרייענדיקן, איז אַלנפאַלס רווישיקן, כאָר. ווער זענען זיי, די דאָזיקע נייע סאָציאַליסטישע „חשבון־הנפשניקעס"? איז זייער קריטיק דאָס גערויש פון די מיל־שטיינער, וואָס מאָלן אָן אַן אויפהער די געזונטע, רייפע קערנער פון דערפאַרונג? אדער — זייער גאַנצער טומל איז בלויז דאָס גערויש פון בלעטער, וועלכע די שטורם־ווינטן פון דער היינטיקער צייט האָבן אָפגעריסן פון לע־בעדיקן שטאַם?

אַ האַרבע שאלה...

חשבון־הנפש... אַ נוצלעכע אַרבעט, אָפטמאָל אפילו אַ הייליקע פליכט, אַ רעוואָלוציאָנערע מצוה. אָבער, ווי אַלץ אין דער וועלט, מוז אויך דער „חשבון־הנפש" געמאַכט ווערן אין דער געהעריקער צייט. „חשבון־הנפש", בעת דער שונא גרייפט אָן — איז אָפט אַ מאַנטל, וואָס פאַרדעקט פאַניקמאכעריי... איך האָב ספקות צו דוקא היינט, צו דוקא נאָך די מיליטערישע נצחונות פון פאַשיזם איז די ריכטיקע צייט אונטערצוציען סך־הכלען, מאַכן — אויספירונגען. נצחונות פארשיכורן נישט בלויז דעם זיגער. זיי בלענדן און פאַר־בלענדן די באַזיגטע גופא. אַ וועלט איז איינגעפאַלן אונטער די קלעפ פון דעם זיגער. אַ געדיכטער שטויב פון די צעקרישלטע מויערן באַדעקט היינט אַלע וועגן און שטעגן פון דער מענטשהייט, באַזונדערס פון דער ארבעטנדיקער מענטשהייט. פאַר דעם שאַרפסטן אויג איז היינט נישט לייכט צו דערקענען דעם וועג, צו דערזען וואו א פוס אוועקצושטעלן...

אַלנפאַלס — אויב שוין יאָ חשבון־הנפש איז — נישט עפנטלעך, נישט שרייענדיק, נישט — אויף דער גאַס. אַלנפאַלס, דאַרף ער געמאַכט ווערן אָן ראַש, אָן טומל, אָן פּרעטענזיעס. פאַר זיך אַליין און — מיט זיך אַליין. נישט א חשבון־הנפש, וואָס שרייט, נאָר אַ חשבון־הנפש, וואָס טראַכט און טראַכט זיך אריין. נישט א חשבון־הנפש, וואָס וויינט און שעלט, נאָר וואָס מעסט און וועגט, וואָס אַנאַליזירט...

אין לאָנדאָן געפינען זיך היינט די ר ע ג י ר ו נ ג ע ן פון די אָקופּירטע לענדער און פעלקער. אין אַמעריקע האָבן מיר היינט די גענעראַל־שטאַבן פון אַ טוץ אַדער מער אייראָפּייאישע סאָציאַליס־

טישע פאַרטייען. די זעלביקע סיבה, וואָס האָט די דאָזיקע רעגי־רונגען פאַרטריבן נאָך לאָנדאָן, האָט די געוועזענע פירער פון גרויסע פראַלעטאַרישע באַוועגונגען אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט, צע־נויפגעזאַמלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן: די דאָזיקע סיבה איז — ה י ט ל ע ר ס מ אַ ר ש פ אַ ר ו י ס, ד י פ אַ ש י ס ט י ש ע אָ ק ו פּ אַ צ י ע פ ו ן א י י ר אָ פּ ע.

צווישן די געוועזענע רעגירונגען פון די אָקופּירטע לענדער, וועל־כע געפינען זיך יעצט אין לאָנדאָן און די געוועזענע פירער פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע געפינען זיך יעצט אין אמעריקע, ליגט דער אַטלאַנטישער אָקעאַן. אָבער צווישן דער שטימונג פון די לאָנדאָנער נע־ונדניקעס און דער שטימונג פון די סאָציאַליסטישע נע־ונדניקעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז נישט קיין קלענערער תהום. די באַזיגטע און פאַרטריבענע רעגירונגען באַנוצן זיך מיט יעדער געלעגנהייט, מיט יעדער עפנטלעכער אַרויסטרעטונג, כדי אויסצודריקן זייער פעסטן ווילן צו קעמפן ביז דעם סוף, זייער טיפן בטחון אין דעם ענדגילטיקן זיג איבער דעם פאַשיסטישן אָנגרייפער. די פאַרטריבענע גענעראַל־שטאַבן פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען באַנוצן זיך אָבער מיט יעדער געלעגנהייט, כדי אויסצו־דריקן אין פּריוואַטע געשפּרעכן, אין דער פרעסע און אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, זייער פּעסימיזם, זייער פאַרלוירענעם גלויבן אין אייגענע כוחות, זייער טיפסטן קריטיציזם צו זייער אייגענער פאַר־גאַנגענהייט און בנוגע זייער אייגענער צוקונפט. „מיר האָבן געזינ־דיקט,״ מיר האָבן געגרייזט, מ׳דאַרף רעווידירן״ — איז דער גרונט־טאָן פון זייער גאַנצן טראַכטן, פון זייער גאַנצער טעטיקייט... אַן אמתער מבול פון דהאָפנונגסלאָזיקייט, וואָס דראָט צו דערטרינקען נישט בלויז יעדע געזונטע קריטיק נאָר אפילו דעם עיקר פון סאָ־ציאַליזם, אפילו די יסודות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. אַן אמתע מאַניע — צו שמייסן זיך אליין ביז בלוט, ביז וואונדן... צו רייסן און פליקן פון אייגענעם סאָציאַליסטישן קערפּער לעבעדיקע, צאַפּלדיקע שטיקער פלייש...

אַ טייל פון די דאָזיקע שטימונגען זענען אַ רעזולטאַט פון דעם פּיינלעכן און שמערצלעכן וועג, וואָס די אייראָפּעאישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַדורכגעמאכט זינט היטלערס קומען צו דער מאַכט. און אַנדער טייל פון די דאָזיקע שטימונגען וואַרצלט געוויס אין געביט פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ס׳קען זיין, אַז ווען מיר וועלן געבן גענוג צייט דער צייט פון טאָן איר אַרבעט, וועלן אַ סך וואונדן פאַרהיילט ווערן, אַ סך שאַרפע ווינקלען וועלן זיך אויסגלייכן און

אויספרעסן... לאָמיר אָבער פּרובירן אויסטיילן פון דעם ים מיט פאַרביטערונג, מיט טענות און „זעלבסטקריטיק" אין אונזערע אייגענע סאָציאַליסטישע רייען, די וויכטיקסטע, די קערנדיקסטע מאָמענטן. דריי אַזעלכע פּונקטן מאַטערן אונז היינט אַמשטאַרקסטן: די פאַשיסטישע ווירטשאַפט, דער פאַשיסטישער גייסט און, צום סוף, די טענדענצן ביי געוויסע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער וועלט... שלום צו מאַכן מיט דעם פאַשיזם.

קאַפּיטל II

צי איז די פאַשיסטישע ווירטשאַפט מער פּראָדוקטיוו?

דער אַלטער ביבלישער משל חזרט זיך ווידער איבער. צום וויפילטן מאָל? ווען דער טורעם פון בבל איז איינגעפאַלן האָט גאָט צעמישט די לשונות, אַז איינער זאָל דעם אַנדערן נישט פאַרשטיין. ווען ס'קען זיך אויסדאַכטן, אַז דער טורעם פון דער דעמאָקראַטיש-בירגערלעכער וועלט האַלט ביים איינפאַלן, הויבן אָן סאָציאַליסטן-מאַרקסיסטן צו רעדן אויף פאַרשידענע לשונות.

די האַרמאַטן פון אַנגרייפנדיקן פאַשיזם האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גרעסערע, פאַר שטאַרקערע איידער די האַרמאַטן פון דער בירגערלעך-דעמאָקראַטישער וועלט, וועלכע האָט זיך צו שפּעט געכאַפּט, אַז זי. דאַרף זיך פאַרטיידיקן... דער דאָזיקער איבערגעוויכט פון די פאַשיסטישע האַרמאַטן איז בלי-ספק אַ וויכטיקער, אַ פיינלעכער פאַקט. ווי טרויעריק אָבער דער דאָזיקער פאַקט זאָל נישט זיין, טאָר ער נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יסוד פאַר אַ ווייטגייענדיקע רעוויזיע אין אונזערע סאָציאַליסטישע רייען. ווען די האַרמאַטן פון פאַשיזם זאָל געלינגען צו פאַרניכטן, אַ חוץ די מיליטערישע מאַשינאַליניעס, אויך אונזערע מאַרקסיסטישע עיקרים, וועט ער, דער פאַשיזם, קענען פייערן זיין גרעסטן נצחון...

איז דען אָבער אַ צופאַל, וואָס היטלער-דייטשלאַנד פאַרמאָגט מער און בעסערע האַרמאַטן, אַ בעסערע און העכערע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, איידער די דעמאָקראַטיש-בירגערלעכע וועלט? די בעסערע באַוואָפנונג פון היטלער-דייטשלאַנד איז דאָך בלויז אַ סימן, אַז די פ אַ ש י ס ט י ש ע ווירטשאַפט-סיסטעם איז בכלל אַ מער פ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ע, אָבער אַ מער פּראָדוקטיווע

ווירטשאַפטלעכע סיסטעם איז דאָך, היסטאָריש באַטראַכט, די מער פּראָגרעסיוועררע, די צו וועלכער ס׳געהערט די צוקונפט. א סך סאָציאַליסטן דערמאָנען זיך היינט דעם דאָזיקן אַלטן מאַרקסיסטישן כלל און... בלייבן אַליין שטיין דערשראָקענע פאַר די אויספירונגען, וואָס זיי וואָלטן אייגנטלעך געדאַרפט פון אים מאַכן. ס׳איז ווירקלעך פאַראַן פאַר וואָס זיך צו דערשרעקן.

אונזער קריטיק פון אונזערע קריטיקער, אונזער דין־תורה מיט אונזערע נייע „חשבון־הנפשניקעס", דאַרף מען טאַקע אָנהייבן פון דעם דאָזיקן וויכטיקן, פאַר יעדן מאַרקסיסטיש געשולטן סאָציאַליסט, ווירטשאַפטלעכן אַרגומענט.

היטלער־דייטשלאַנד האָט פאַר די 7 יאָר פון איר עקזיסטענץ באַוויזן צו פּראָדוצירן מער האַרמאַטן, מער טאַנקן, מער קוילן און מער עראָפּלאַנען איידער וועלכע נישט איז דעמאָקראַטיש־בירגערלעכע מלוכה. דעם פאַקט קען מען נישט אָפּלייקענען. אָבער דער דאָזיקער פאַקט אַליין איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די פאַשיסטישע ווירטשאַפט איז א מער פּראָדוקטיווע. ווען די דעמאָקראַטישע וועלט, למשל, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, וואָלט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער מלחמה און פונדעסטוועגן געבליבן ווייט דהינטערשטעליק, וואָלטן מיר אפשר געקענט, אויף דעם דאָזיקן סמך, באַטראַכטן די פאַשיסטישע ווירטשאַפט אלס די מער פּראָדוקטיווע. אָבער אין אונזער פאַל האָט דאָך היטלער־דייטשלאַנד זיבן יאָר נאָכאַנאַנד זיך באַוואָפנט בעת די דעמאָקראַטישע מלוכות האָבן אָנגעהויבן צו גיין אין די זעלביקע דרכים בלויז די לעצטע ניין מאָנאַטן. גאַנץ סאָלידע סטאַטיסטישע קוועלן גיבן אָן, אַז 9 מיט א האַלבן מיליאָן מענטשן זענען געווען באַשעפטיקט אין דער דייטשער באַוואָפנונג־אינדוסטריע. אָבער אין די דעמאָקראַטישע לענדער איז אפילו א דריטל פון דער דאָזיקער מחנה נישט געווען באַשעפטיקט ביים באַוואָפנען דאָס לאַנד. וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס היטלער־דייטשלאַנד פאַרמאָגט היינט מער האַרמאַטן און טאַנקן, מער עראָפּלאַנען און באָמבערס, איידער די דעמאָקראַטישע מלוכות? ווי איז מעגלעך אויף דעם סמך פון אַזאַ איינפאַכער און פשוטער אַריטמעטיק צו מאַכן אַזאַ אומגעהויער וויכטיקן אויספיר, אַז „די פאַשיסטישע ווירטשאַפט־סיסטעם איז א מער פּראָדוקטיווע?"

ס׳קען זיין, אַז דער פאַקט, וואָס די דעמאָקראַטישע וועלט האָט פּראָדוצירט זייגערלעך, דאַמען־וועש און חזיר־שמאַלץ, בעת דייטשלאַנד האָט פּראָדוצירט דהאַרמאַטן, איז פּאָליטיש געווען א

פּעלער. די דעמאָקראַטישע וועלט צאָלט טייער, זייער טייער, פאַר דעם דאָזיקן פּאָליטישן פּעלער. ס׳קען זיין, אַז דער פּאַקט, וואָס שווייץ פּראָדוצירט זייגערלעך און דייטשלאַנד — הארמאַטן, מוז זיך ענדיקן טרויעריק פאַר דער שווייץ. אָבער מיר רעדן דאָך יעצט נישט וועגן פּאָליטישע פּעלערן. מיר באַהאַנדלען יעצט א ווירט־שאַפטלעך־עקאָנאָמישע פראַגע. די פּראָדוקטיווקייט פון א ווירטשאַפטלעכער סיסטעם ווערט געמאָסטן נישט דערמיט, וואָס זי פּראָדוצירט נאָר — וויפיל זי פּראָדוצירט. קיינער וועט, למשל, נישט זאָגן, אַז די פאַשיסטישע ווירטשאַפט פון איטאַליען אָדער פון דייטשלאַנד איז פּראָדוקטיווער איידער די ווירטשאַפט פון די פאראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, הגם אלע ווייסן, אַז דייטשלאַנד האָט פאר די לעצטע זיבן יאָר פּראָדוצירט אָן אן ערך מער הארמאַטן, באָמבערס און טאַנקן איידער די פאראייניקטע שטאַטן. פּשוט די ווירטשאַפט פון די פאראייניקטע שטאַטן איז געווען איינגעשטעלט נישט אויף פּראָדוצירן הארמאַטן נאָר — וואָלקן־קראַצערס. נאַטירלעך, ס׳איז זייער וויכטיק „וואָס״ א ווירטשאַפט פּראָדוצירט. דער דאָזיקער „וואָס״ האָט א שייכות צו דער גאַנצער פּאָליטיק און רעזשים פון לאַנד. ער האָט אָבער קיין שום שייכות נישט צו אונזער פראַגע, ד. ה. צו דעם חשבון וויפיל יעדע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם פּראָדוצירט און איז אימשטאַנד צו פּראָדוצירן ד. ה. צו איר פּראָדוקטיווקייט.

לאָמיר יעצט מאַכן אַ טריט ווייטער אין אונזער ווירטשאַפטלעכן אַנאַליז. לאָמיר נישט שפּאָרן קיין צייט און קיין ארבעט. מיר באַ־האַנדלען דאָך יעצט אפשר די וויכטיקסטע, אפשר די גורלדיקסטע פּראָבלעם פון אַלע קאָמפּליצירטע און שווערע פראַגן, וועלכע דאָס לעצטע יאָר האָט פאר אונז אנטבלויזט...

אָנגענומען, אַז דיביידע לאַגערן, דער פאַשיסטישער און דער אַנטי־פאַשיסטישער, שטעלן זיך ביידע דיזעלביקע אויפגאַבע צו פּראָדוצירן וואָס מער הארמאַטן; אָנגע־נומען, אַז זיי ביידע באַשעפטיקן דערביי דיזעלביקע צאָל ארבעטער. אויך אין אַזאַ פאַל איז פאַלש צו משפּטן וועגן זייער פּראָדוקטיווקייט איידער מיר נעמען אין באַטראַכט אויך די צאָל פאַרברויכטע דורך ביידע צדדים ארבעט־שעהן. די צייט, וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן ביי דעם ארבעט־פּראָצעס, מוז אריינקאַלקולירט ווערן, מוז באַחשבונט ווערן, כדי אונזער פּסק־דין זאָל ווירקלעך זיין א יושר־דיקער. אויף קאַטאַרגע, למשל, צווינגט מען דעם ארעסטאַנט צו

ארבעטן צוועלף און פערצן און זעכצן שעה א מעת־לעת. א ברירה האָט ער, דער ארעסטאַנט? אודאי, אַזאַ קאַטאָרזשנע צוואַנג־ארבעט מוז רואינירן דאָס געזונט פון ארבעטער און מאַכן א תל בכלל פון זיין ארבעט־פעאיקייט. אָבער — דאָס זענען אזוי צו זאָגן — היסטאָרישע פערספעקטיוון. אויף א ווייל, אָבער, איז גאנץ מעגלעך, אַז דער קאַטאָרזשניק ארבעטנדיק 16 שעה זאָל פּראָדוצירן מער איידער דער פרייער ארבעטער אין 8 שעה. קיינעם איז פונדעסטוועגן נאָך נישט איינגעפאלן צו באצייכענען א קאטאָרגע־רעזשים פאר א מער פּראָדוקטיווע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם. די פּראָדוקטיווקייט לאָזט זיך אויסמעסטן בלויז דאַן, ווען מיר באַרעכענען וויפיל ס׳איז געשאַפן געוואָרן אין די זעלביקע ארבעט־שעהן. ווען די ארבעטנדיקע באַפעלקערונג אין א פאַשיסטישע מלוכה ווערט געצוואונגען צו אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג בעת אין דער דעמאָקראַטישער אמעריקע ארבעט מען בלויז זיבן שעה טעגלעך, איז קיין חידוש נישט, וואָס אין א געוויסן מאָמענט קען זיך ארויסווייזן, אז די פאַשיסטישע ווירטשאפט איז מער „פּראָדוקטיוו״. ערשט שפּעטער וועלן זיך ארויסווייזן אלע שעדלעכע, רואינירנדיקע פאָלגן פון דעם לאַנגן ארבעט־טאָג און די גאַנצע מזל־ברכה פון דעם קורצערן. ווען מיר האָבן צו טאָן נישט מיט יחידים נאָר מיט פעלקער, מיט גאַנצע קאָנטינענטן — קען דער דאָזיקער געשיכטלעכער „שפּעטער״ דויערן יאָרן. אָבער — ער מוז קומען.

נישט יעדער פּאָליטישער רעזשים ווייזט ארויס די זעלביקע פעאיקייט אָנצוכאַפּן די פאָלקס־מאַסן פארן גאָרגל. דער פאַשיסטישער רעזשים איז אָן א פאַרגלייך א גרעסערער בריה אויסצופּרעסן צוואַנג־אַרבעט איידער דער דעמאָקראַטישער. אָבער די דאָזיקע פאַשיסטישע גבורה איז א פּועל־יוצא בלויז פון דער פאַשיסטישער פּאָליטיק. צו עקאָנאָמיק האָט זי נישט די מינדעסטע שייכות. מיר באַהאַנדלען אָבער יעצט נישט פּאָליטישע נאָר אויסשליסלעך ווירטשאפטלעכע פּראָבלעמען. מיר מוזן דעריבער באַרעכענען וויפיל ס׳ווערט געשאַפן ביי אַ גלייכן סכום ארבעט־שעהן אין א דעמאָקראַטישער מלוכה און אין אַ פאַשיסטישער. צום ריכטיקסטן וואָלט געווען צו פאַרגלייכן די פּראָדוקטיווקייט פון איין ארבעט־שעה אין א פאַשיסטישער ווירטשאַפט מיט איין ארבעט־שעה אין ענגלאַנד

אָדער אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. נאַטירלעך, נישט פאַרגעסנדיק דערביי אַלע אנדערע מאָמענטן, וואָס באַווירקן און באַאיינפלוסן דעם מאָדערנעם ארבעט־פּראָצעס.

אָבער אַזאַ פאַרגלייך צווישן דער פּראָדוקטיוויטעט פון איין אר־בעט־שעה אין דייטשלאַנד מיט איין ארבעט־שעה אין א וועלכער נישט איז דעמאָקראטישער מלוכה, אפילו ווען ער איז אדורכגעפירט מיט דער פולער ווירטשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט, וואָלט אונז נאָך אַלץ נישט געענטפערט פּינקטלעך אויף דער פראגע, וועלכע ווירטשאַפט־לעכע סיסטעם איז פּראָדוקטיווער...

די פּראָדוקטיוויטעט פון מענטשן איז א רעזולטאַט נישט בלויז פון טעכנאָלאָגישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע מאָמענטן. אויף איר ווירקן אויך פיזיאָלאָגישע, אויך פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן. א געזונטער מענטש, למשל, וועט שאַפן מערער איידער א קראנקער. א פיזיש־אנטוויקלטער ארבעטער מיט פעסטע מוסקולן איז בכח צו פּראָדוצירן, ביי אַלע אַנדערע גלייכע באדינגונגען, מערער איידער א פיזיש שוואַ־כערער טיפּ. א געדולדיקער ארבעטער, מיט רואיקע נערוון, וועט זיך ווארשיינלעך ארויסווייזן פאר פּראָדוקטיווער איידער דער אומגעדול־דיקער, דער אינטעליגענטער פּראָדוצענט וועט מסתּם זיין פעאיקער איידער א טעמפּער א. א. וו. אַלע ווייסן, אז ס׳זענען נישט פאַראַן קיין צוויי אבסאָלוט גלייכע מענטשן. צווישן צוויי יחידים וועט שטענדיק זיין א נפקא־מינה אין פיזישער גבורה, אין אינטעליגענץ, אין געדולד און אין אלע אנדערע אייגנשאפטן, וועלכע שפּילן א ראָלע אין דעם פּראָדוציר־פּראָצעס. אָבער נישט קיין קלענערער אונטערשיד איז פאַראַן צווישן דעם דורכשניט־ארבעטער פון איין פאָלק אין פאַרגלייך מיט דעם דורכ־שניט־ארבעטער פון א צווייטער נאַציע. די געאָגראפישע, די פּאָליטישע און די סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען פון פעלקער זענען פאַרשידן. מיט דער צייט האָט זיך אַ דאַנק דער דאָזיקער פאַרשידנקייט אויסגעפאָרעמט אין יעדן לאנד א באזונדער נאַציאָנאַלער ארבעט־מענטש מיט בעסערע אדער מיט ערגערע ארבעט־קוואַליפיקאציעס. ווען מיר פאַרגלייכן, למשל, א סלאַווישן ארבעט־מענטש מיט אַן ענגלישן, א פראַנצויזישן מיט א דייטש, אדער א אידישן ארבעטער מיט די אויבן־דערמאָנטע, וואַרפט זיך דער דאָ־זיקער אונטערשיד גלייך אין די אויגן. דער דייטשער ארבעטער, למשל, איז שוין פון לאַנג באַרימט אין דער גאַנצער וועלט א דאנק זיינע זייער הויכע ארבעט־קוואַליפיקאציעס. א סך מעלות־טובות פון

דעם דייטשן ארבעטער־מענטש ווערן היינט צוגעשריבן דער מיסטעריע פון דער פֿאַשיסטישער ווירטשאפט, הגם זיי זענען געווען גענוי באַקאַנט נאָך אין קייזער וויל־העלמס צייטן. יעדערער, וואָס וויל אָפּשאַצן די פּראָדוקטיווקייט פון פארשידענע ווירשאפטלעכע סיסטעמען, מוז געדענקען וועגן די דאָזיקע נאַטירלעכע אונטערשידן צווישן פעלקער. דער ריכטיקסטער מעטאָד איז דעריבער — אנשטאָט מעסטן די פּראָדוקטיווקייט פון איין שעה ארבעט ביי פארשידענע פעלקער, פארגלייכן די פּראָדוקטיווקייט פון איין שעה ארבעט פון אַ דייטשן אַרבעטער אין באַדינגונגען פון פאַשיזם מיט דער פּראָדוקטיווקייט פון איין שעה ארבעט פון דעם זעלביקן דייטשן ארבעטער אין באַדינגונגען פון דעמאָקראַטיע. ערשט דאַן וועלן מיר באַקומען אַ ריכטיק בילד. ס'איז קיין ספק נישט, אז דאָס בילד וועט אָבער אויסזען אינגאַנצן אַנדערש איידער ס'שטעלן זיך פאָר, אין זייער צעשראָקענע פאַנטאַזיע, אונזערע מאָדערנע „חשבון־הנפשניקעס"...

קאַפּיטל III

מ'דאַרף באַרעכענען אויך די הוצאות...

מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז באַרעכענען די פּראָדוקטיווקייט פון א ווירטשאפטלעכער סיסטעם, איז גאָרנישט אַזאַ פּשוטער ענין.

ס'איז אָבער פאַראַן נאָך א צווייטע זייט פון דער זעלביקער מטבע. מיר וועלן זיך איצט מיט איר באַקאַנען אביסל נעענטער.

אַלע ווייסן, אַז אין אַ נאָרמאַלער בוכהאַלטעריע ווערט אויף איין זייט פאַרשריבן די הכנסה און אויף דער צווייטער די הוצאה. בעת מיר פארגלייכן די הכנסה מיט דער הוצאה ווייסן מיר צו די אונטערנעמונג ברענגט רוח אָדער הזיק. א פינאַנסיסט, א פאַבריקאַנט אָדער אַן אנדער אינדוסטריעלער, וועלכער וואָלט אָפּגעשאצט זיין אונטערנעמונג בלויז אויף דעם סמך פון איר הכנסה, פארגעסנדיק וועגן אירע הוצאות, וואָלט מסתם גאַנץ גיך באַזייטיקט געוואָרן פון רעאַלע ביזנעס. לאָמיר אָננעמען, אז פאָרד, למשל, וויל אָפּשאצן די פּראָדוקטיווקייט פון זיינע אויטאָמאָביל־פאַבריקן. ער דאַרף, זעלבסטפארשטענדלעך, קודם כל פעסטשטעלן וויפיל פאַרטיקע אויטאָס

זיי לאָזן אַרויס יעדן יאָר אויף דעם מאַרק. ער מוז אָבער אויך נעמען אין אַכט די אַלע הוצאות, וואָס זיי באַצאָלן פאַר ארבעט־לוין, פאַר רוי־מאַטעריאַלן, פאַר אדמיניסטראַציע א. א. וו. דערביי קען זיך אָבער אַמאָל ארויסווייזן, אז הגם ער לאָזט ארויס א סך מער אויטאָס איידער זיין קאָנקורענט, אָבער די הוצאות, וואָס פאַלן אויס אויף יעדן פאַרטיקן וואָגן, זיינען ביי אים א ס ך ג ר ע ס ע ר ע איידער אין אַנדערע אונטערנעמונגען. נישט פאַרד און נישט א וועלכער נישט איז אנדערער פון דער ביזנעס־וועלט וואָלט געהאַלטן אַזאַ אונטערנעמונג פאר א פּראָדוקטיווע, נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל פאַרטיקע אויטאָס, וואָס אזא אונטערנעמונג פּראָדוצירט, וואָלט זי מסתם שנעל באַנקראָטירט...

אָבער פונקט אזוי דאַרפן מיר זיך נוהג זיין ווען מיר ווילן אָפּשאַצן די פּראָדוקטיווקייט נישט פון אן איינצלנער אונטערנעמונג, נאָר פון א גאַנצער ווירטשאפט־סיסטעם. מיר מוזן נעמען אין אַכט נישט בלויז איר ה כ נ ס ה נאָר אויך איר ה ו צ א ה. א סך פון די, וואָס רעדן היינט וועגן דער פּראָדוקטיווקייט פון דער פאַשיסטישער ווירטשאפט פאַרגעסן פשוט אינגאנצן וועגן איר ה ו צ א ה. נאַטירלעך, אַז ביי אַזאַ איינזייטיקייט מוזן זיי קומען צו פאַלשע אויספירונגען.

וועגן איינער אַזאַ ה ו צ א ה, וואָס דאַרף אריינגענומען ווערן אין חשבון, בעת מיר שאַצן די פּראָדוקטיווקייט פון דער פאַשיסטישער ווירטשאפט, האָבן מיר שוין דערמאָנט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל. דער פאַשיזם פ אַ ר ש ו ו ע נ ד ע ט אויף אן אוממענטשלעכן אופן די ארבעט־קראַפט פון דער באַפעלקערונג. אַלע מעדיצינישע צייטשריפטן און מעדיצינישע פאַך־זשורנאַלן פון נאַצי־דייטשלאַנד שטעלן איינשטימיק פעסט, אַז די צאָל קראַנקע, די צאָל שלאַפע און אינוואַלידן, צווישן דער דייטשער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג, איז פאַר די יאָרן זינט 1933, ז י י ע ר ב אַ ד י י ט נ ד י ק א ו י ס ג ע ו ו אַ ק ס ן. נישט געקוקט אויף אַלע אָפּיום־מיטלען, מיט וועלכע דער פאַשיזם שפּייזט דאָס ארבעטנדיקע פאָלק, נישט געקוקט אויף אלע זיינע פּאַראַדן, מאַרשן, פארשידענע — „קראַפט דורך פרייד", אָדער „פרייד דורך קראַפט", פאַלט כסדר די ארבעט־פעאיקייט פון דער דייטשער באַפעלקערונג. דער לאַנגער ארבעט־טאָג, די אונטערדערנערונג און דער מאַנגל אין געזונטדיקער ארבעט־שוץ, מאַכן דאָרט אן אמתן חורבן אויף דעם געביט פון פאָלק־געזונטשאפט. מיט אנדערע ווערטער: די פאַשיסטישע ווירטשאפט אין דייטשלאנד לעבט אויפן חשבון פון די צוקונפטדיקע דורות פון דייטשן ארבעטנדיקן פאָלק. ווי א גיריקע

חיה פרעסט זי אויף נישט בלויז די שוין געבוירענע קינדער נאָר אויך די, וואָס דאַרפן נאָך ערשט געבוירן ווערן. ס׳איז ווירקלעך א ש ר ע ק ל ע כ ע ה ו צ א ה.

ס׳איז א פעסטגעשטעלטער פאַקט, אז אין היטלער־דייטשלאנד, אייגנטלעך, פונקט ווי אין אלע אנדערע פאַשיסטישע לענדער, פ א ל ט כסדר די צאָל בעלנים זיך צו לערנען. ס׳ווערט דאָרט אלץ ווייניקער יוגנט, וואָס ווידמעט זיך דער וויסנשאפט. די הערשנדיקע פאַשיס־טישע אידעאָלאָגיע, וועלכע פאַרהערלעכט ברוטאַליטעט, פיזישע מאכט און פיזישע גבורה, וועלכע רעקאָמענדירט דער יוגנט א רעוואָל־ווער אנשטאָט א בוך, א שטעקן אנשטאָט א מיקראָסקאָפּ — ווירקט. די גאַנצע אטמאָספער פון דער פאַשיסטישער מלוכה פארשטארקט נאָך מער די דאָזיקע טענדענץ. דאָס לעבן אונטער דעם פאַשיסטישן רעזשים גיט דער יוגנט א מעגלעכקייט צו מאַכן א קאַריערע גאָר אויף אנדערע וועגן איידער אמאָל. דאָס היינטיקע דייטשלאנד איז שוין אין דער ריכטונג אוועק אזוי ווייט, אז די מער ווייטזעעוודיקע פאַ־שיסטישע גדולים האָבן אָנגעהויבן — אַלאַרמירן.

די דאָזיקע דערשיינונג איז אָבער אָרגאַניש, אינטים פארבונדן מיט דעם פאַשיזם, מיט דעם „עפּעס״, וואָס רופט זיך פאַשיסטישע ווירטשאפט. ס׳איז איר נ א ט י ר ל ע כ ע ה ו צ א ה. קיינע גוואַלדן און פּאָליאטיוון קענען אין דעם פרט איר נישט העלפן. די פאַשיסטישע ווירטשאפט לעבט אויך אין דער הינזיכט אויף דעם חשבון פון איר אייגענעם מאַרגן. דער פאַשיסטישער היינט פרעסט אויף די פאַשיסטישע צוקונפט. אָבער דערמיט זענען נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט די ספּעציפישע הוצאות פון דער „מער פּראָדוקטיווער״ פאַשיסטישער ווירטשאפט.

די פאַשיסטישע ווירטשאפט קען נישט עקזיסטירן אָן דעם פאַ־שיסטישן רעזשים. אָבער דער פאַשיסטישער רעזשים באַדייט קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן פאַר הונדערטער טויזנטער, באדייט תפיסות און טאָג־טעגלעכע פּייניקונגען פאר אנדערע הונדערטער טויזנטער, באדייט א שפּיאָנען־סיסטעם, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, באדייט א טעראָריסטישע מלוכה־מאַשין, וואָס ווערט באדינט דורך הונדערטער טויזנטער געדונגענע משרתים, באדייט מונדירן, מאַרשן און פּאַראַדן, וואָס שלינגען איין מיליאָנען ארבעט־שעהן און צענדליקער מיליאָנען פאָלקס־געלטער. די דאָזיקע אומגעהויערע פאַרשווענדונג פון ארבעט, פון מענטשן,

פון געלט, איז א גוואַלדיקע הוצאה, וועלכע די פאַשיסטישעווירט־שאַפט מוז טראָגן און אויסטראָגן. איך האָב נישט אונטער דער האַנט דעם ענטשפּרעכענדיקן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל. מעגלעך, אַז ער וועט בכלל באַקאַנט ווערן ערשט נאָך דעם ווי דער גיפטיקער ראַק פון פאַשיזם, וואָס וואַקסט זיך פאַנאַנדער אויף דעם קערפּער פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וועט באַזייטיקט ווערן. אָבער מיר קענען מיט דער פולער זיכערקייט אָננעמען, אַז דער דעמאָקראַ־טיש־בירגערלעכער רעזשים, מיט זיין אלטער ליבעראלער קאַפּיטאַליס־טישער ווירטשאפט, שפּאָרט זיך איין דעם גרעסטן טייל פון די דאָזיקע הוצאות. מיר קענען זיין אבסאָלוט זיכער, אז אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אָדער אין ענגלאנד, זענען די מלוכהשע הוצאות אויף אַפּהיטן „רו און אָרדנונג", באַרעכנט אויף א קאָפּ פון דער באַפעלקערונג, אָן א פאַרגלייך ק ל ע נ ע ר איידער אין א פאַשיסטישער מלוכה.

די גרעסטע פאַרשווענדונג־פּאָזיציע אין דעם באַלאַנס פון יעדער פאַשיסטישער ווירטשאפט איז אָבער איר באַוואַפנונג־אינדוסטריע און דער לאָגישער פועל־יוצא פון איר—מ ל ח מ ה. אודאי, די ליבעראַלע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאפט פאַרמאָגט אויך א מלחמה־אינדוסטריע און אויך איר וועג איז באַצייכנט געוואָרן מיט בלוטיקע, אימפּעריאַ־ליסטישע מלחמות. אָבער אויך אויף דעם געביט איז ריכטיק, אז קוואַנטיטעט פאַרוואַנדלט זיך אין ק ו ו א ל י ט ע ט. דער „א" און דער „ת" פון דער פאַשיסטישער ווירטשאפט איז איר באַוואַפנונג־אינדוסטריע. נעמט ביי איר צו די באַוואַפנונג־אינדוסטריע און איר נעמט ביי איר צו די לופט מיט וועלכער זי אָטעמט, איר נעמט ביי איר צו איר גאַנצן „סוד", איר גאַנצן „רייץ", איר — לעבן גופא. א דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע מלוכה קען טעאָרעטיש עקזיסטירן אָן א שטענדיק מיליטער, אָן דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון מאָדערנעם מיליטאַריזם (אמעריקע, ענגלאַנד). א פאַשיסטישע מלוכה אָן א שטענ־דיק מיליטער, אָן דער מיליטאַריסטישער פּאָמפּע איז אָבער בכלל — אן אוממעגלעכקייט. דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון די דעמאָ־קראַטישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות איז — ש ל ו ם. דער דאָזי־קער נאָרמאלער לעבנס־לויף פלעגט איבערגעריסן ווערן פון צייט צו צייט דורך מלחמה־אויפרייסן. דער נאָרמאַלער לעבנס־צושטאַנד פון דער פאַשיסטישער מלוכה איז — מ ל ח מ ה. דער דאָזיקער, נאָרמאַלער פאַר איר מלחמה־צושטאַנד, ווערט בלויז איבערגעריסן דורך קורצע אָטעם־פויזעס פון — „שלום". די דאָזיקע ריזיקע אויסגע־

וואַקסענע, און כסדר שטייגנדיקע הוצאה אויף באַוואפנונג און מלחמה איז ווידער אמאָל אַן אָרגאַנישער, אַן אומפּארמיידלעכער עקזיסטענץ־תנאי פאַר א פאַשיסטישן רעזשים מיט איר פאַשיס־טישער ווירטשאפט. ווער ס׳זינגט לויב־געזאַנגען דער פאַשיס־טישער ווירטשאפט טאָר ווענן דער זייט פון דער פאַשיסטישער מטבעה נישט פאַרגעסן.

אָבער, ווי גרויס ס׳זאָלן נישט זיין די יעצטיקע הוצאות אויף באוואפנונג און מלחמה, זענען זיי דאָך אין א געוויסן זין — אַן „איינמאָליקע אינוועסטיציע״. מיט דעם מאָמענט ווען דער פאַשיזם וועט געווינען זיין מלחמה פאר וועלט־הערשאפט, וועלן זיי זיך דאָך אָפּשטעלן. ער וועט אויפהערן פאַרשליידערן זיינע ווירטשאפטלעכע און מענטשלעכע רעסורסן אויף די שלאכטפעלדער, ער וועט אויפהערן צו לאָזן מיט דעם רויך, דעם האָב און גוטס פון דער מענטשהייט...

צו האָבן מיר אלזא רעכט, אזא „איינמאָליקע אינוועסטיציע״, אריינ־שטעלן אין קאָן, בעת מיר שאַצן אָפּ די פּראָדוקטיווקייט פון דער פאַשיסטישער ווירטשאפט ?

כדי פאַראיינפאַכן דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע, לאָמיר זיך פרובירן פאָרשטעלן דעם אויסזען פון אייראָפּע, דעם פּנים פון דער וועלט, אויף מאָרגן נאָך אַזאַ פאַשיסטישן זיג.

די הערשער־ראַסע אין היטלער־דייטשלאנד וועט תיכף צוטרעטן, מיט דער באַרימטער דייטשער פּינקטלעכקייט, צו אָרגאַניזירן די וועלט־ווירטשאפט אונטער איר הערשאפט. קודם־כל וועט זי ארויספירן קיין דייטשלאנד אלץ, וואָס וועט זיך נאָר לאָזן. די זיגער וועלן צו־ראַבעווען און צונעמען פון דעם אומגעהויער קאָמפּליצירטן און רייכן פּראָדוציר־אַפּאַראַט, וואָס אייראָפּע פאַרמאָגט אלץ, וואָס ס׳וועט נאָר זיין מעגלעך. א „אידישער״ אָדער אַן אנדער „יושרדיקער״ ארגו־מענט וועט זיך שוין געפינען. אלע אנדערע טיילן פון פּראָדוציר־אַפּאַראַט אין די אינדוסטריעלע צענטערן פון אייראָפּע, וועלכע זיי וועלן נישט קענען פיזיש צונעמען פאַר זיך, וועלן פשוט פאַרניכטעט ווערן, כדי די שטאָלצע זיגער זאָלן נישט דארפן חלילה זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט ווירטשאפטלעכע קאָנקורענץ מצד די „נידעריקע ראַסן.״ די באַזיגטע פעלקער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין קאָלאָניאלן ארבעט־רעזערוואואַר. גאַנץ אייראָפּע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א קאָלאָניע פאַר דער „פּראָדוקטיווער״ פאַשיסטישער ווירטשאפט פון דייטשלאנד.

דער לעבנס־ניוואָ פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון דער ק אָ ־ ל אָ נ י ז י ר ט ע ר איראָפּע וועט „רעגולירט" ווערן דורך די פּרייזן, וואָס דער איינציקער אָפּנעמער, ד י ד י י ט ש ע ו ו י ר ט ש אַ פ ט, וועט באַוויליקן צו צאָלן פאַר די אַגראַר־פּראָדוקטן און אַנדערע רוי־שטאָפן, וואָס וועלן אויסוואַקסן אויף די פעלדער פון איראָפּע, אָדער ארויסגעגראָבן ווערן פון איר ערד.

אַ פּראָדוציר־אַפּאַראַט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך לאַנגע דורות, אַן ארבעט־קולטור און נוצלעכע פּראָדוציר־אייגנשאַפטן פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן וועלן גיין צום גרונט, וועלן אויס־געוואָרצלט ווערן ביזן בייז, כדי באַפרידיקן די געלוסטן פון דער נאַציסטישער ווירטשאַפט.

דער רעזולטאַט פון אַזאַ מין „פּראָדוקטיווער" ווירטשאַפט־סיסטעם וועט זיין הונגער, נויט, דלות און פּיין פאַר די ברייטסטע מאַסן פון גאַר דער וועלט...

קען מען זיך פאָרשטעלן אַ גרעסערע פאַרניכטונג, א גרעסערע פאַרשווענדונג, אַ גרעסערע, ה ו צ א ה לויט אונזער טערמינאָלאָגיע, איידער דעם דאָזיקן שווינדלדיקן פּרייז, וועלכן די מענטשהייט וועט מוזן באַצאָלן פאַר דעם מיליטערישן זיג פון דער „פּראָדוקטיווער" פאַשיסטישער ווירטשאַפט?

קאַפּיטל IV

וואָס באַדייט אַ פּראָגרעסיווע ווירטשאַפט?

אויף דער קאַרדינאַלער פראַגע — וועלכע ווירטשאַפטלעכע סיס־טעם איז מער פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו, איז פון פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט מעגלעך געווען צו געבן צ ו ו י י תשובות:

איין ענטפער איז געווען, אַז יענע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, וועלכע פּראָדוצירט אָדער קען פּראָדוצירן מער ווי די אַנדערע, וועלכע באַשאַפט מער רייכטימער, מער סחורות, מער פּראָדוקטן פון כל־טוב, איז גלייכצייטיק די פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ס ט ע. דער סימן־מובהק פון פּראָגרעס איז אין דעם פאַל די פּ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ק י י ט פון דער ווירטשאַפט.

ווי געזאָגט — האָט געקענט זיין א צווייטער ענטפער: מער פּראָגרעסיוו איז אַזאַ ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, וועלכע פ אַ ר ט י י ל ט צווישן די ברייטע ארבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן מער פּראָדוקטן, מער קאָנסום־ארטיקלען, מער לעבנס און גענוס־מיטלען איידער אן אנדער ווירטשאַפטלעכע סיסטעם. דער סימן־מובהק פון פּראָגרעס וואָלט אין דעם פאַל געווען נישט די פּראָדוקציע נאָר די קאָנסומציע.

אויבנאויפיק קען זיך אויסדאכטן, אז צווישן די דאָזיקעביידע תשובות איז אייגנטלעך נישטאָ קיין אונטערשיד. אָן דער פּראָדוקציע קען דאָך נישט זיין קיין קאָנסומציע. ווען א ווירטשאַפטלעכע סיסטעם פ ר אָ ד ו צ י ר ט מער איז זי במילא ביכולת צו פ אַ ר ט י י ל ן מער. די מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן, צו מאַכן רייכער און זאַטער דאָס לעבן פון א פאָלק איז דאָך אָרגאַניש, אויף דעם אינטימסטן אופן, געקניפּט און געבונדן מיט דער פ ע א י ק י י ט פון דער ווירטשאַפט צו פּראָדוצירן, צו זיין וואָס פּראָדוקטיווער.

אָבער פונקט דער זעלביקער געדאנקען־גאַנג איז דאָך חלק פאַר דעם צווייטן ענטפער. ווען עמיצער זאָגט, אז פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע ר איז אַזאַ ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, וואָס פאַרזיכערט די פ אַ ר ט י י ל ו נ ג פון מער לעבנס־און קאָנסום־ארטיקלען צווישן די פאָלקס־מאַסן, נעמט ער דאָך במילא אריין אין זיין חשבון די נויטווענדיקייט, וואָס מער צו פּ ר אָ ד ו צ י ר ן.

פונדעסטוועגן — זענען די צוויי פאַרשידענע פאָרמולירונגען — נישט סתם האָר־שפּאַלטעריי. ענטפערן אויף דער פראַגע — וועלכע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם איז מער פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו — באַדייט פאַר אונז, מאַרקסיסטן, צו באַשטימען וועלכע פון זיי איז מער אין די אינטערעסן פון די ברייטע ארבעטנדיקע מאַסן. מיר האָבן דערביי די ברירה צו שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם מאָמענט פון פּ ר אָ ־ ד ו צ י ר ן אָדער — אויף דעם מאָמענט פון ק אָ נ ס ו מ י ר ן, דהגם די דאָזיקע צוויי מאָמענטן זענען איינגעפלאָכטן און איינגעוועבט איינער אין דעם צווייטן. אָבער דאָס אויסקלייבן איינעם פון די צוויי מאָמענטן, מאַכן איינעם און נישט דעם צווייטן פאַר אונזער סימן־מובהק פון פּ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ק י י ט, איז נישט קיין צופאַל, נאָר אן אויסדרוק פון יענע קאָנקרעטע לעבנס־אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע מאַסן, וואָס דאָמינירן אין אונזער היסטאָרישער תקופה.

אויך קארל מארקס האָט געהאט די ברירה אויסצוקלויבן צווישן די צוויי מאָמענטן — פּראָדוקציע און קאָנסומציע. ער האָט אויסגעקליבן. ער האָט פאָרמולירט דעם כלל, אז א ווירטשאפטלעכע סיסטעם, וואָס איז מער פּראָדוקטיוו איז גלייכצייטיק די פּראָגרעסיווסטע. קארל מארקס האָט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט אונטערגעשטראָכן דעם מאָמענט פון פּאָרגרעסערטער פּראָדוקציע אנשטאָט דעם מאָמענט פון פּאָרגרעסערטער קאָנסומציע, נישט על פּי צופאַל. די וועלט האָט זיך דעמאָלסט ערשט אָנגעהויבן באפרייען פון אירע פעאָדאַלע קייטן. פאר דער מענטשהייט איז דעמאָלסט, אין מארקס צייטן, געשטאַנען א גאַנץ קאָנקרעטע היסטאָרישע אויפגאבע: פאַנאַנדערצובויען די נייע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאפט־סיסטעם, פאַנאַנדערצואוויקלען אין דער פולער מאָס אירע פּראָדוקטיווע, אירע שעפערישע כחות און מעגלעכקייטן. די פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע איז פאר אים, דעמאָלסט, געווען אן אויסדרוק פון דער דאָזיקער היסטאָרישער נויטווענדיקייט. ער האָט געוואוסט, אז דערווייל איז נאָך די מענטשהייט אָרעם. ס׳איז נאָך נישטאָ, וואָס צו טיילן און וואָס צו פאַרטיילן. מארקס האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון דעם געשיכטלעכן מאָרגן פון דער ארבעטנדיקער מענטשהייט בעת ער האָט פאָרמולירט זיין באַרימטן כלל, אז וואָס פּראָדוקטיווער ס׳וועט זיין אַ ווירטשאפטלעכע סיסטעם, אלץ מער איז זי פּראָגרעסיוו. זיין פאָרמולירונג איז געווען אין הסכם מיט זיין צייט, אין הסכם מיט דער טעכנאָלאָגישער תקופה אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט.

מיר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען אָנצואווייזן, אז די „צרה" מיט דעם מארקסיזם באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער דור מאַרקסיסטן מוז פאַר זיך אליין אויפסניי דעראָבערן דעם...מאַרקסיזם. באַנוגנען זיך מיט געירשנטע כללים און אויספירונגען פירט זייער אָפט צו — פעלערן. מיר לעבן היינט אין גאָר אן אנדער טעכנאָלאָגישער און סאָציאַלער עפּאָכע איידער קארל מארקס. ווער ס׳חזרט היינט איבער דעם אַלטן כלל, אז וואָס פּראָדוקטיווער די ווירטשאַפט אלץ מער איז זי פּראָגרעסיוו, איז פשוט — אויס מאַרקסיסט. היינט שטייט נישט פאַר אונז די היסטאָרישע אויפגאבע אנטוויקלען און פאַנאַנדערצובויען די פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן פון דער ווירטשאפט. דער קאַפּיטאַליזם האָט ארויסגעכישופט אזעלכע גיגאַנטישע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, ער האָט באַשאַפן אזא אומגעהויער גרויסן, אַזאַ

ריזיקן פּראָדוקציע־אַפּאַראַט, אַז די אויפגאַבע, וועלכע איז אין קאַרל מאַרקס צייטן געווען אַזוי אַקטועל איז הײַנט, פאַר אונזער דור, *דערפילט*.

פאַר אונזער דור שטייט אָבער אַן אַנדער אויפגאַבע: אויפן סמך פון דעם גוואַלדיק אויסגעוואַקסענעם פּראָדוציר־אַפּאַראַט פון דער הייַנטיקער ווירטשאַפט *פאַרגרעסערן וואָס מער די פאַרטיילונג פון לעבנס־און קאָנסום־פּראָדוקטן צווישן די פאָלקס־מאַסן*. אויב אין מאַרקס צייטן איז די וועלט געווען אָרעם, איז זי הײַנט רייך, שטיין־רייך. זי שטיקט זיך הײַנט מיט איר עשירות, זי וואַרגט זיך הײַנט צוליב די גראַנדיעזע נישט אויסגענוצטע מעגלעכקייטן צו פּראָדוצירן אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף, כדי צו מאַכן זיין לעבן שענער, זאַטער און גליקלעכער. מיר סאָציאַליסטן דאַרפן הײַנט שטעלן דעם טראָפּ נישט אויף מער פּראָדוצירן, נאָר אויף *מער קאָנסומירן*. מאַרקס האָט געלעבט אין דער ערשטער תקופה פון קאַפּיטאַליזם, וועלכע איז באַקאַנט אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט אונטערן נאָמען — דער פּעריאָד פון אָנזאַמלען קאַפּיטאַלן... מיר לעבן אין אַ תקופה פון איבערגערייפטן קאַפּיטאַליזם, ווען קאַפּיטאַל איז שוין אָנגעזאַמלט, ווען קאַפּיטאַל איז פאַראַן איבערגענוג, צו פיל... טריי בלייבנדיק דעם גייסט פון קאַרל מאַרקס־לערע, אין פולן הסכם מיט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, מוזן מיר הײַנט אַנדערש פאַרענטפערן דעם אַלטן וויכוח: אויף דער פראַגע, וועלכע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם איז הײַנט מער אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, ד. ה. *מער פּראָגרעסיוו*, ענטפערן מיר *הײַנט*: יענע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, וועלכע פאַרזיכערט די פאָלקס־מאַסן *ביי דער קלענסטער אַרבעט־צייט דעם מאַקסימאַלסטן קאָנסום און גענוס*.

פאַר אונז, סאָציאַליסטן, קען הײַנט אַן אַנדער מאָס נישט עקזיסטירן. ווען ס'וואָלט זיך אַפילו אַרויסגעוויזן, אַז אַ פאַשיסטישע ווירטשאַפט־סיסטעם איז, אין אַ געוויסן היסטאָרישן צייט־אָפּשניט, מער פּראָדוקטיוו איידער אַ נישט פאַשיסטישע, ווערט זי נישט צוליב דעם אויף אַ האָר מער פּראָגרעסיוו. געמאָסטן מיט דער קאָנסומציע און מיט די לעבנס־מעגלעכקייטן פון די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן — דערקענען מיר תיכף דעם גוואַלדיקן טריט אויף צוריק, די טיפע,

נישט בלויז פּאָליטישע, נאָר אויך ו ו י ר ט ש אַ פ ט ל ע כ ע רעאַקציע, וואָס שטעקט אין דער פאַשיסטישער ווירטשאַפט.

זאָל זיין, אז היטלער־דייטשלאַנד איז געלונגען, אַ דאַנק ספּע־ציעלע באַדינגונגען, א דאנק ספּעציפישע ווירטשאפטלעכע, סאָ־ציאַלע און פּאָליטישע מאָמענטן, צו פאַרשאַפן זיך א בעסערע מיליטערישע אָרגאַניזאציע, צו פּראָדוצירן אן אויסגעצייכנטע מלחמה־מאַשין אריבערשטייגנדיק אויף דעם געביט אלע דעמאָקראַטישע מלוכות. אגב אורחא — די דייטשע מיליטערישע מאַשין, היסטאָריש באַטראַכט, איז נישט א מיסטעריעזע אייגנשאַפט פון איר פאַשיסטישער ווירט־שאַפט. מיר וויסן אויסגעצייכנט, אז דייטשלאנד פון 1914, דייטשלאַנד פון וויל־העלם האָהענצאָלערן, האָט שוין פאַרמאָגט די שטאַרקסטע ארמיי אין דער וועלט. אודאי איז דער פאַקט, וואָס דער פאַשיזם האָט זיך אזוי מוראדיק באַוואָפנט, אן אויסערסט וויכטיקער פּאָלי־טישער פאַקטאָר. אָבער ווי טרויעריק דער פאַקט פון דער פאַשיס־טישער מיליטערישער איבערגעוויכט זאָל נישט זיין — בייט ער נישט קיין האָר אין אונזער אָפּשאַצונג פון דער פאַשיסטישער ווירט־שאַפט. די פאַשיסטישע ווירטשאפטלעכע סיסטעם האָט זיך ארויס־געוויזן פאר אן אויסגעצייכנטן אינסטרומענט צו אָרגאַניזירן דעם... ט ו י ט. אבער א פּראָגרעסיווע ווירטשאפטלעכע סיסטעם דאַרף הײַנט זיין אן אינסטרומענט צו אָרגאַניזירן דאָס... ל ע ב ן. דאָס איז דער תוך פון דער גאַנצער פראַגע.

נאָך דעם װערסאַלער שלום־טראַקטאַט האָבן אייניקע וויטזעווו־דיקע פּאָליטיקער געשריבן, אז די דעמאָלסטיקע קאָאַליציע האָט געוואונען די מלחמה אָבער פאַרשפּילט דעם שלום. וועגן דער פאַ־שיסטישער ווירטשאפט־סיסטעם קען מען הײַנט פעסטשטעלן, אז נאָך איידער זי האָט געוואונען איר מלחמה מיט דער דעמאָקראַטישער וועלט האָט זי שוין פאַרשפּילט דאָס לעבן. אין אונזער צייט פון אומבאַגרענעצטע פּראָדוציר־מעגלעכקייטן איז אַ ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, וואָס פאַרוואַנדלט דאָס לעבן פון די מאַסן אין א קאַטאָרגע, וואָס צווינגט ארויף אויף דער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג א רואי־נירנדיקן שווייס־סיסטעם, און, וואָס איז דערביי נישט אימשטאַנד צו פאַרזיכערן זיי אפילו מיט עסן צו דער זאַט — נישט קיין פּראָגרעס נאָר די טיפסטע, די שוואַרצסטע רעאַקציע. די בעסטע מיליטערישע מאַשין ענדערט נישט דעם דאָזיקן פאַקט. אויב דאָס לעבן איז שטאַרקער איידער דער טויט וועט אַזאַ מיליטערישע מאַשין, ווי גוט זי זאָל נישט פונקציאָנירן, פריער אָדער שפּעטער — קראַפּירן.

קאפיטל V

פאַשיסטישער גייסט און מאָראַל

נאָכן פאַרברענגען א לענגערע צייט אין דער געזעלשאפט פון דער לאַנגווייליקער, טרוקענער מאַדאַם — ווירטשאַפט, איז א יושר, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר איבער די וואונדערבאַרע פעלדער פון — גייסט.

אויף וואָס איז באַזירט, וועלכע קאָנקרעטע פאַקטן באַרעכטיקן די צווייטע שווערע באַשולדיקונג פון אונזערע היינטיקע חשבון־הנפשניקעס, אַז דער „גייסט", אַז די „מאָראַל" פון די פאָלקסמאַסן אין די פאַשיסטישע לענדער איז העכער איידער דער „גייסט" און די „מאָראַל" פון די פאָלקסמאַסן אין די א. ג. דעמאָקראַטישע מלוכות?

לאָמיר זיך נישט נאַרן? די דאָזיקע באַשולדיקונג באַדייט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די ארבעטנדיקע מאַסן קערן זיך אויס, אידעאָלאָגיש, מיט דעם רוקן צום סאָציאַליזם און מיט דעם פּנים צום... פאַשיזם.

פון יעדערן, וועלכער טרעט ארויס מיט אַזאַ שווער־וואָגיקער באַהויפּטונג האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פאַקטן, באַווייזן...

מיט געציילטע וואָכן צוריק זענען פאַרגעקומען פאַרלאַמענט־וואַלן אין שוועדן. דאָס גאַנצע שוועדישע פאָלק האָט זיך באַטייליקט. די וואַל־קאַמפּאַניע איז געפירט געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון אַבסאָלוטער פּאָליטישער פרייהייט. סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און פאַשיסטן פון שוועדן האָבן בעת די דאָזיקע וואַלן געפירט צווישן זיך א פאַרביסענע א י ד ע אָ ל אָ ג י ש ע מלחמה. נישט מיט געווער, נישט מיט טאַנקען און באָמבעס, נאָר טאַקע אויף דעם געביט פון „גייסט" און „מאָראַל". דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער „גייסטיקער" פאַרמעסטונג איז אלעמען באַקאַנט: ד י ש וו ע ד י ש ע ס אָ צ י אַ ל י ס ט ן ה אָ ב ן ב אַ ק ו מ ע ן ד י אַ ב ס אָ ל ו ט ע מ ע ר ה י י ט ש ט י מ ע ן א י ן פ אַ ר ל אַ מ ע נ ט ־ מ אַ נ ד אַ ט ן.

וואָס באַדייט דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער וואַל־אויסגאַנג?

נישטאָ קיין שום גרונט אָנצונעמען, אַז די שוועדן זענען געקנאַטן פון אַן אַנדער טייג איידער די אנדערע פעלקער פון אייראָפּע. זייער מזל איז בלויז געווען אַן אַנדערער. זיי האָבן נאָך געהאַט א מעגלעכקייט פריי אויסצודריקן זייער ווילן, בעת דאָס רוב פעלקער פון איי־

ראַפּע האָבן היינט נישט די דאָזיקע מעגלעכקייט, זענען היינט געצוואונגען צו שווייגן. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר אָבער צו צווייפלען אין דעם, אַז ווי נאָר דער שלאָס וועט אַראָפּגענומען ווערן פון זייערע מיילער, וועלן די פעלקער פון אייראָפּע אָנהויבן רעדן פּונקט אַזעלכע קלאָרע דיבורים אַזוי ווי די שוועדישע פאָלקסמאַסן, אַז זיי וועלן אָנהויבן רעדן... שוועדיש? איז דען נישט דער פאַשיסטישער צוואַנג און טעראָר גופא איינער פון די באַווייזן, אַז דער פאַשיזם אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן פון אַ פרייער פאָלק־אָפּשטימונג? נישט בלויז, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן אין די אָקופּירטע לענדער, נאָר אויך אין דייטשלאַנד, אויך אין איטאַליע גופא, וואו דער פאַשיסטישער צוואַנג און טעראָר בושעוועט מיט דער זעלביקער אכזריות?...

אלזא, אויף דעם פראָנט האָבן מיר די „גייסטיקע" מלחמה נישט פארלאָרן.

לאָמיר איצט אַנאַליזירן דעם „גייסט" און די „מאָראַל" פון די פאָלקסמאַסן אין די פאַשיסטישע און נישט־פאַשיסטישע לענדער פון אנאנדער קוק־ווינקל. ס'איז באַקאַנט, אַז אין די א. ג. דעמאָקראַטישע לענדער איז נישט געווען אַזאַ אָרגאַניזירטע ריכטונג פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל זיך ווינטשן די מפּלה פון אייגענעם פאָטערלאַנד, וואָס זאָלן שטרעבן צו דעם מיליטערישן זיג פון היטלער־דייטשלאַנד. די א. ג. פאַציפיסטישע אַרבעטער־ריכטונגען אין פראנקרייך און אין אַנדערע לענדער האָבן געהאַט אַלערליי שעדלעכע און אפילו פאַרברעכערישע אילוזיעס און פאַרשטעלונגען בנוגע דער מעגלעכקייט אויסצומיידן די מלחמה בכלל, בנוגע דער מעגלעכקייט אדורכקומען מיט היטלערן, אַז ער זאָל זיי נישט אָנרירן, אַז ער זאָל זיי לאָזן צורו, אָדער לאָזן זיי פאַרבלייבן נייטראַל. ס'זענען אָבער נישט געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זאָלן דערקלערן, אַז זיי ווינטשן זיך היטלער־דייטשלאנד זאָל זיגן. אפילו די קאָמוניסטן, וואָס פלעגן טענהן, אַז די מלחמה איז אַן אימפּעריאַליסטישע, אַז ביידע צדדים זענען די זעלביקע אימפּעריאַליסטישע וועלף, האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס פאַרלאַנגען, אַז היטלער זאָל זיגן... פּרינציפּיעלע דעפעטיסטן זענען דאָרט נישט געווען.

אָבער אין היטלער־דײַטשלאַנד און אין איטאַליע זענען פֿאַראַן מיליאָנען דײַטשע און איטאַליענישע אַרבעטער, אַרבעט־מענטשן און אינטעלעקטועלע, וואָס ווינטשן זיך בפירוש אַ וואָס שנעלערע און וואָס גרינטלעכערע מיליטערישע מפּלה פֿון זייער אייגענעם פֿאָטערלאַנד. מיליאָנען, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד, מיט אַ הייסן באַגער, אויף דעם מאָמענט ווען דער פֿאַשיסטישער רעזשים פֿון זייער אייגן לאַנד וועט לײַדן די ערשטע באַדײַטנדיקע מיליטערישע נידערלאַגע. מיליאָנען, וואָס קריצן הײַנט אין דער שטיל מיט די ציין, וואָס בײַלן הײַנט אין דער שטיל זייערע פֿויסטן קעגן דעם פֿאַרהאַסטן פֿאַשיסטישן רעזשים, קעגן דער פֿאַשיסטישער אָרדנונג פֿון מאָרד און פֿאַרברעכנס, פֿון גוואַלדטאַטן און בלוט־פֿאַרגיסונגען. מיליאָנען, וואָס וואַרטן און קענען זיך נישט דערוואַרטן, אַז די שעה פֿון נקמה, אַז דער יום־הדין זאָל ענדלעך קומען.

מאַכט נישט אויס, וואָס דערווײַלע קענען זיי נישט, די דאָזיקע מיליאָנען פּרינציפּיעלע דעפֿעטיסטן, וואָס לעבן אין די לענדער פֿון פֿאַשיזם, קומען צום וואָרט אַנדערש איידער אין עמיגראַנטישע צײַטונגען און אין אומלעגאַלע בלעטלעך און אויפֿרופֿן. ווי אַ בלײַענע, שווערע מאַסע ליגן זיי אויף דעם רוקן פֿון פֿאַשיסטישן רעזשים ביז זיי וועלן אים ענדלעך דערדריקן...

מיר, סאָציאַליסטן פֿון עלטערן דור, האָבן זיך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערצייגט, וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיקע ראָל די דאָזיקע פּרינציפּיעלע דעפֿעטיסטן האָבן געשפּילט. מיר האָבן געזען ווי זיי האָבן דעצידירט דעם גורל פֿון מלוכות און פֿון רעזשימען... זאָל זײַן, אַז די געשיכטלעכע דערפֿאַרונג פֿון אַמאָל קען מען נישט אויטאָמאַטיש אָנווענדן צו אונזער הײַנט. מ׳קען אָבער נישט אָפּלייקענען, אַז אַזעלכע דעפֿעטיסטישע טיפּוס־פֿלעקן זענען אַלעמאָל אַ סיגנאַל, אַז דער גייסט און די מאָראַל פֿון דעם צד, אויף וועמענס קערפּער ס׳האָבן זיך באַוויזן די דערמאָנטע דעפֿעטיסטישע געשווירן, זענען אַלנפֿאַלס — שוואַכער און קראַנקער איידער דער גייסט און די מאָראַל פֿון צווייטן צד...

פֿאַרוואָס אָבער האָבן נישט די פֿעלקער פֿון אייראָפּע די מעגלעכקייט פֿרײַ צו רעדן? זיי האָבן פֿאַרשפּילט זייער מלחמה מיט היטלער־דײַטשלאַנד, ווײַל זייער „גייסט", ווײַל זייער „מאָראַל" איז געווען ווײַט הינטערשטעליק לגבי דעם „גייסט" און לגבי דער „מאָראַל" פֿון די פֿאַשיסטישע אָנגרײַפֿער... בולט און אָפּט איז אויסגעקומען צו הערן די דאָזיקע טענה, גלײַך נאָך דער מיליטערישער קאַטאַסטראָפֿע פֿון פֿראַנקרײַך.

זאָל איך זיין אָפּנהערציק? מיר איז ווירקלעך שווער רואיק צו דערהערן די דאָזיקע באַשולדיקונג, ווען זי ווערט ארויסגערוקט דורך סאָציאַליסטן...

די דאָזיקע באַשולדיקונג איז נישט סתם — פאַלש. זי איז אן אינסינואַציע לגבי די שווער געטראָפענע פאָלקסמאסן פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט און א קאָמפּלימענט פאַר דאָס געזינדל פון דער פינפטער קאָלאָנע, פאַר די ערגסטע עלעמענטן פון די באַזיצנדיקע שיכטן, וועלכע האָבן צוליב זייערע עגאָאיסטישע קלאַסן־אינטערעסן פאַרקויפט און פאַראַטן זייער פאָטערלאַנד צו היטלערן...

די פאָלקסמאסן איןביידע לאַגערן, אין די פאַשיסטישע פונקט ווי אין די נישט פאַשיסטישע לענדער, ווילן נישט שטאַרבן, זיי ווילן — לעבן. געפּיל־מעסיק זענען זיי דעריבער אומעטום — קעגן מלחמה. דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס אין די דעמאָקראַטישע לענדער קען זייער שטימונג עפנטלעך אויסגעדריקט ווערן, בעת אין די פאַשיסטישע ווערט זי דורך טעראָר און גרוילטאַטן דערשטיקט. דער זעלביקער אַנטי־מלחמה גרונד־טאָן שטעקט פונדעסטוועגן אין דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע אויף ביידע זייטן. אָבער אין די ראַמען, אָדער אין די גרענעצן, פון דעם דאָזיקן גרונד־טאָן זענען פאַראַן נואַנסן, זענען פאַראַן געוויסע נפקא־מינות אין אָנלאָדונג און קראַפט. דער צד, וועלכער פילט, אז ער איז בעסער באוואָפנט, אז ער איז אָן אן ערך שטאַרקער, אז ער ווערט בעסער און זיכערער געפירט און אָנגעפירט, וועט זיך פילן האָפערדיקער, אָנגרייפערישער. דער אנדערער צד, וואָס פילט, אז זיין באוואָפנונג איז ווייט הינטערשטעליק דעם שונאס, וואָס שפירט בחוש, אז ער ווערט אויף טריט און שריט פאַראַטן דורך זיינע ציווילע און מיליטערישע גענעראַלן — וועט זיין געפאלן ביי זיך, נידערגעשלאָגן. ס'איז אזא פארשטענדלעכע, אזא נאַטירלעכע דערשיינונג. מיר האָבן דאָך איר אָבסערווירט אין אלע מלחמות, ביי אלע פעלקער. מאַכן פון דער דאָזיקער דערשיינונג אן אויספיר בנוגע דעם העכערן גייסט און דער שטאַרקערער מאָראל פון די פאָלקסמאסן אין די פאַשיסטישע לענדער — איז אן עולה און א... פאַרברעכן.

די גאַנצע אומזיניקייט פון אַזאַ טענה ווערט מיט־אמאָל קלאָר ווען מיר פּרובירן אין אונזער געדאַנק צו קאָנסטרואירן א פאַרקערטע סיטואציע: נישט היטלער־דייטשלאַנד נאָר די דעמאָקראַטישע פראנ־צויזישע רעפּובליק פאַרמאָגט מערער און בעסערע עראָפּלאַנען און

טאַנקן... מ׳דאַרף נישט פאַרמאָגן אַ צו גרויסע פאַנטאַזיע, כדי זיך אויסצומאָלן דעם גייסט און די מאָראַל פון די פּראָווינץ און די נידערגעשלאָגנקייט, די פאַרלאָרנקייט פון די פּאַשיסטישע מחנות...

אגב, האָבן מיר אפילו אין דער היינטיקער מלחמה אַ שלאַגנדיקן באַווייז: אויפן ים איז אַ פאַרקערטע לאַגע איידער אויף דער יבשה. אַלעמאָל ווען דער ענגלישער פלאָט באַגעגנט זיך מיט דעם פּאַשיס־טישן, אפילו ווען די ענגלענדער בעת אַזאַ באַגעגעניש זענען צאָל־מעסיק שוואַכער, איז דאָך זייער גייסט און זייער מאָראַל אָן אַן ערך העכער איידער ביי זייער שונא.

ס׳זענען לאַנג פאַרביי די צייטן ווען דאָס פאָלק איז געווען אימ־שטאַנד דורך אַ באַריקאַדן־קאַמף אַראָפּוואַרפן אַ רעגירונג, „מאַכן״ אַ רעוואָלוציע. ס׳זענען אָבער שוין אויך לאַנג פאַרביי די צייטן ווען די פאָלקסמאַסן זענען געווען אימשטאַנד, בעת אַ מלחמה, אַראָפּוואַרפן די פאַרעטערישע פירער, כדי אליין דעם קאַמף צו פירן. אין אונזער צייט, אין אונזער טעכנאָלאָגישער עפּאָכע, קען אַ מלחמה געפירט ווערן אויסשליסלעך דאַן, ווען די ציווילע און מיליטערישע אָנפירונג וויל איר, האָט אַ חשק די מלחמה צו פירן. אָבער אומעטום דאָרט, וואו דער ציווילער און מיליטערישער פירנדיקער אַפּאַראַט איז סאָציאַל געפאַנגען דורך דעם אויסערלעכן שונא, וואו ער האָט נישט קיין האַרץ און האָט מער נישט דעם ווילן צו קעמפן, וואו ער טרייבט פאַרראַט, זענען די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט הילפלאָז קעגן דעם אָנגרייפער. באַ־שולדיקן ביי אַזאַ לאַגע זייער גייסט און זייער מאָראַל אין פאַרשפּילן די מלחמה, איז אָביעקטיוו גענומען, אַן אינסינואַציע לגבי דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק און אַ קאָמפּלימענט פאַר די לאַוואַלס און פּעטענס פון אַלע פעלקער.

קאַפּיטל VI

רענעגאַטן און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג

נצחונות פאַרשכורן נישט בלויז דעם זיגער. זיי בלענדן און פאַרבלענדן די באַזיגטע גופא... מ׳הערט אויף צו זען די נאָענטסטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. מ׳הויבט אָן גרינטלעך צו פאַרגעסן די נאָענטסטע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט...

די מאָטאָריזירטע באַטאַליאָנען פון היטלער־דייטשלאַנד האָבן באַוויזן דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט. א לאַנד נאָך אַ לאַנד, א פאָלק נאָך א פאָלק איז באַהערשט און אָקופּירט געוואָרן דורך דער דייטשער מיליטערישער מאַשין. מיט דער פּינקטלעכקייט פון א געניטן אויטאָמאַט האָט זי דערלאַנגט אירע פאַרניכטנדיקע קלעפּ. מיט א זייגער אין האַנט, האָט זי פאַרויסגעזאָגט, ווען די „אָפּעראַציע" וועט פאַרענדיקט ווערן און היטלער וועט פייערן זיין נייעם נצחון. ווי פאַרבלענדעט, שטייט די מענטשהייט פאַר דעם דאָזיקן באוואָפנטן פענאָמען. ווי פאַרהיפּנאָטיזירטע הויבן מיר אָן צו רעדן וועגן טאָטאַליטאַרער ווירטשאַפט, וועגן דעם פאַשיסטישן גייסט, וואָס נעמט איין וועלטן...

אָבער מיר האָבן היינט אין אייראָפּע דריי טאָטאַליטאַרע ווירטשאַפט־אָרגאַניזמען: דייטשלאַנד, איטאַליע און סאָוויעט־רוסלאַנד. אויב דער סוד פון דערפאָלג ליגט אין די אייגנשאַפט פון דער טאָטאַליטאַרער ווירטשאַפט, אויב די דאָזיקע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם איז דער מקור פון א נייעם אומבאַזיגבארן גייסט — פאַרוואָס ליידט איטאַליע איין מפלה נאָך דער אַנדערער, פּונקט ווי דאָס האָט מיט איר פּאַסירט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה? פאַרוואָס איז אַזוי מוראדיק הינטערשטעליק די טאָטאַליטארע ווירטשאַפט אין סאָוויעט־רוסלאַנד און פאַרוואָס האָט זיך דער גייסט פון די פינלענדער ארויסגעוויזן פיל שטאַרקער איידער דער גייסט פון די אָנגרייפנדיקע רויטע ארמייער?

דער אמת איז, אז די פאַשיסטישע ווירטשאַפט און דער פאַשיסטישער גייסט האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די מיליטערישע נצחונות פון היטלער־דייטשלאַנד. מיט 25 יאָר צוריק, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז נאָך אין דייטשלאַנד נישט געווען קיין סימן פון קיין פאַשיסטישער ווירטשאַפט, קיין סימן פון א פאַשיסטישן גייסט. דייטשלאַנד פון ווילהעלם האָהענצאָלערן איז געווען א טיפּיש, קאַפּיטאַליסטיש לאַנד מיט א זייער באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דער מלוכה פון גרויסן, פּריצישן ערד־באַזיץ. פונדעסטוועגן איז אויך דעמאָלסט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דייטשלאַנד געגאַנגען דריי יאָר נאָכאַנאַנד פון איין זיג צו דעם צווייטן, אָקופּירט אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד. שוין דעמאָלט האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזן, אז איר מיליטערישע מאַשין, דייטשלאַנדס חוש פאַר אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין זענען די בעסטע און שטאַרקסטע אין דער וועלט. ס'איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אז ווען אמעריקע וואָלט דעמאָלסט נישט אריין

אין דער מלחמה, וואָלט שוין דעמאָלסט, מיט 25 יאָר צוריק, דייטש־לאַנד, אָן אַ פּאַשיסטישערווירטשאַפט און אָן דעם מיסטעריעזן פּאַשיסטישן גייסט, געזיגט איבער דער גאַנצער דעמאָלסטדיקער קאָאַליציע.

הייסט, דאָס, אז די סיבה פון דייטשלאַנדס זיגן דאַרפן מיר זוכן נישט אין דער העכערער, „מער פּראָגרעסיווער" פּאַשיסטישער ווירט־שאַפט, נישט אין א העכערע, געזונטערע פּאַשיסטישע מאָראַל אָדער גייסט, נאָר ערגעץ־וואו אנדערש. ס'איז א פראַגע פאַר זיך, אפשר א גאַנץ אינטערעסאַנטע, פאַרוואָס דייטשלאַנד האָט באַוויזן שטענדיק, במשך פון די לעצטע הונדערט יאָר, אויסצובויען א בעסערע מילי־טערישע מאַשין איידער די אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע. אלנפאַלס, צו דער גאַנצער פּראָבלעם פון פאַשיזם, האָט די דאָזיקע דערשיינונג קיין שום שייכות נישט.

און איצט וועגן דעם „שלום־בית" מיט דעם פאַשיזם...

וואָס איז אייגנטלעך געשען מיט די דע־מאַנס פון בעלגיען און פראַנקרייך?

פּנים־אל־פּנים מיט דער סכנה פון א פּאַשיסטישער אינוואַזיע זענען געוויסע עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נישט אַוועק אויף קידוש השם. אנדערע ווידער האָבן געהאַט אילוזיעס בנוגע אדורכקומען מיט דעם פאַשיזם, אז ער זאָל זיי נישט טשע־פּען... אין אַ רייע באַזיגטע לענדער, באזונדערס אָבער אין פראַנק־רייך, זענען פאַראַן סאָציאַליסטן, וועלכע פּרובירן היינט, אויפריכטיק אָדער נישט אויפריכטיק, אריבערוואַרפן א בריק צווישן דעם סאָציאַ־ליזם און דעם פאַשיזם, וועלכע אַגיטירן היינט, דאָס רוב פאַר דעם זיגערס געלט, פאַר... צופאַסן זיך צום פאַשיזם.

בלי ספק — פּאַסקודנע, רענעגאַטישע שטריכן.

וועגן די יעניקע, וואָס האָבן געענדערט זייער קאָליר, כדי צו ראַטעווען זייער לייב, אָדער זייערע „באַקוועמלעכקייטן", איז איבעריק א וואָרט צו פאַרלירן. זיי זענען ד אָ ס אָ פּ פ אַ ל, ד ע ר ש ו י ם פ ו ן ד ע ר ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. זיי באַשטימען נישט איר גורל און זיי דעצידירן נישט וועגן איר פּנים. העכסטנס — באַשמוצן זיי אים. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווערט נישט גע־מאָסטן מיט דעם „גייסטיקן" מצב פון די דאָזיקע קרעציקע. אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער זענען געווען עלעמענטן, וואָס זיינען געפאַלן כורעים פאַר דעם זיגער, געקושט די בייטש, וואָס האָט זיי געשמיסן.

אונזער באַוועגונג ווערט געמאָסטן מיט דער מאָראַלישער הויך פון די, וואָס האָבן געקעמפט אויף די באַריקאַדן פון רויטן ווין קעגן דאָלפוסן. אונזער באַוועגונג ווערט געמאָסטן מיט דער אָפּפערוויי־ליקייט פון די טויזנטער רעוואָלוציאָנערן־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט פאַרטיידיקט מאַדריד און די פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק קעגן דעם אָנגריף פון דעם אלוועלטלעכן פאַשיזם. דעם פּנים פון אונזער באַוועגונג באַשטימען די צענדליקער טויזנטער אומבאַ־קאַנטע קעמפער פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם, וועלכע זענען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, אין פּוילן און אין פראַנקרייך, טריי געבליבן זייערע אלטע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען און זענען אַקטיוו אין אונטערערדישן באַפרייאונג־קאַמף. די מאָראַל פון אונזער באַוועגונג ווערט באַשטימט נישט דורך די רענעגאַטן־שקורניקעס, נאָר דורך די געשטאַלטן פון מאַטעאָ־טי, פון אָטאָ באוער, פון הירש לעקערט, דורך אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי לעאָן בלום, הענריק ערליך, אָדער וויקטאָר אלטער.

אָבער די וויניקע, ערלעכע עלעמענטן, וואָס גלויבן בנאמנות, אז ס'איז דאָך מעגלעך איינצושפּאַנען דעם אימפּעט פון פאַשיסטישן נאַציאָנאַליזם אין דינסט פון אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס גלויבן, אז זיי האָבן געפונען סאָציאַליסטישע עלעמענטן פון מלוכהשער רעגולירונג און פלאַנירונג אין ווילדן פאַשיסטישן רעזשים, זיי וועלן זיך שנעל איבערצייגן אין זייער טעות. דער פאַשיזם איז נישט א בריק דורך וועלכן די ליידנדיקע מענטשהייט וועט אדורכגיין אויף איר וועג צום סאָציאַליזם. דער פאַשיזם איז אן אָפּנייג וועג, וואָס פירט אויף צוריק, וואָס פירט צו באַרבאַריי. ער מוז פאַרניכטעט ווערן ביז זיין לעצטן וואָרצל, כדי די מענטשהייט זאָל זיין אימשטאנד אוועקגיין ווייטער מיט איר ריכטיקן, היסטאָרישן וועג. די „סאָציאַ־ליסטישע” פעדערן אין עק פון דעם פאַשיסטישן רויב־פויגל זענען לכתחילה באַרעכנט צו פאַנגען נשמות...

ס'קען זיין, אז דער פּראָצעס פון אויסניכטערן זיך, וועט ביי די־דאָזיקע ערלעכע סאָציאַליסטישע פאַרבלאָנדזשעטע, דויערן לענגער איידער מיר שטעלן זיך פאָר. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווערט אָבער נישט טריף צוליב ע ר ל ע כ ע זוכענישן, אפילו ווען זיי פאַרפירן יחידים, אָדער גרופּן אויף פאַלשע, געפערלעכע און שעדלעכע וועגן.